**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/11/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנערס האוקול און פיערלואיסי און קאנגרעסמאן טארעס מעלדן ניו יארקער אפיס פון פערטא ריקא פעדעראלע אנגעלעגנהייטן אדמיניסטראציע**

***ניו יארק סיטי אפיס וועט העלפן פערטא-ריקאנער באקומען 'ווייטעל רעקארדס' נייטיג אויף צו באקומען רעגירונג בענעפיטן און סערוויסעס***

ניו יארקער גאווערנער קעטי האוקול, פערטא-ריקאנער גאווערנער פעדרא פיערלואיסי און קאנגרעסמאן ריטשי טאררעס האבן היינט אויסגעמאלדן דאס עפענען א ניו יארקער אפיס פון דער פערטא-ריקאנער פעדעראלע אנגעלעגנהייטן אדמיניסטראציע, וואס וועט העלפן פערטא-ריקאנער וואס וואוינען אין ניו יארק און ארומיגע סטעיטס קענען מער גרינגערהייט באקומען געבורטס סערטיפיקאַטן, הייראט לייסענסער, און אנדערע ווייטעל-רעקארדס נייטיג אויף צו באקומען רעגירונג בענעפיטן און סערוויסעס. ביז היינט האבן פערטא-ריקאנער וואוינענדיג אין ניו יארק נישט געהאט קיין אופן צו באקומען די רעקארדס לאקאל און האבן געדארפט פארן קיין פערטא ריקא פעדעראלע אנגעלעגנהייטן אדמיניסטראציע אפיסעס אין וואשינגטאן די-סי, ארלענדא, פלארידע אדער אין פערטא ריקא זיי אפצונעמען.

"אלס היים ארט צו איינע פון די גרעסטע באפעלקערונגען פון פערטא-ריקאנער אין די פאראייניגטע שטאטן, נעמט ניו יארק שריטן צו פארזיכערן אז יעדער אין אונזער סטעיט קען באקומען נייטיגע פראגראמען, סערוויסעס און בענעפיטן," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "דער שפאגל-נייער אפיס וועט העלפן פארלייכטערן דעם עול פון געפונען וויכטיגע רעקארדס און דאקומענטן פאר פערטא-ריקאנער אין און ארום ניו יארק, און איך דאנק גאווערנער פיערלואיסי און קאנגרעסמאן טארעס פאר זייער צוזאמארבעט אין ברענגען די הילפס-מיטלען צו אונזער סטעיט."

"דער אפמאך אין נאך אן אופן צו פארשטערקערן די אנגעבינדנקייט וואס מיר האבן מיט אונזערע פערטא-ריקאנער ברודער און שוועסטער וועלכע וואוינען אין ניו יארק, ענליך צו דאס וואס מיר טוען אין פלארידע," **האט גאווערנער פיערלואיסי געזאגט.** "אזוי ארום זעצן מיט פאר ווייטער צו פארבעסערן די פאטענציעלע געלעגנהייטן פאר סאציעלע און קאמערציעלע אויסטויש צווישן אונזערע צוויי יוריסדיקציעס און אונטערהייבן די סאציאעקאנאמישע אנטוויקלונג פון פערטא-ריקאנער דאהי און דארט. איך וויל דאנקען דעם ניי ווידער-ערוויילטן גאווערנער פון ניו יארק, די געעהרטע קעטי האוקול און אויך דעם ווידער-ערוויילטן קאנגרעסמאן ריטשי טאררעס, וועלכער פארטרעט דעם 15'טן דיסטריקט פון ניו יארק. ביידע זענען גאר גוטע פריינט פון פערטא ריקא."

"היינט זענען מיר באגייסטערט אויסצומעלדן דאס עפענען דעם פערטא-ריקאנער סערוויסעס אפיסעס אין די בראנקס. איך בין שטאלץ צו ארבעטן מיט גאווערנער האוקול און גאווערנער פיערלואיסי אויף צו סערווירן די פערטא-ריקאנע קאמיוניטי אין ניו יארק סיטי", **האט געזאגט קאנגרעסמאן ריטשי טאררעס.** "אינדרויסן פון דעם אינזל, האט ניו יארק סטעיט די גרעסטע באפעלקערונג פון פערטא-ריקאנער אין די

פאראייניגטע שטאטן. די אנוועזנהייט פון דעם אפיס טוט נישט בלויז ערמעגליכן פאר פערטא-ריקאנער איינוואוינער צו באקומען וויכטיגע דאקומענטאציע נאר עס שאפט אויך אן ארט צו בויען באציאונגען צווישן דער פערטא-ריקאנער דיאספארע אין ניו יארק סיטי און יעצטיגע איינוואוינער פון פערטא ריקא. נאך האריקעינס ׳מאריע׳ און ׳פיאנע׳, זענען טויזנטער פערטא-ריקאנער געקומען צו ניו יארק אויף ווידעראמאל אנצוהייבן זייערע לעבנס נאכ׳ן פארלירן אלצדינג אין די נאטורליכע דיזעסטערס. א דאנק אייך גאווערנער האוקול און גאווערנער פיערלואיסי פאר זייער שטיצע אין ברענגען די קריטיש-וויכטיגע סערוויסעס צוריק צו ניו יארק.״

PRFAA דינט סיי אלס א סטעיט-פעדעראלע אנגעלעגנהייטן אפיס, ווי אויך אלס אן איסציאונג פונעם עמטליכן פערטא ריקאנער רעגירונג סערוויסעס. עס איז פאראנטווארטליך פאר ארויסהעלפן פערטא-ריקאנער איינוואוינער אויף דעם קאנטינענט טייל פון די פאראייניגטע שטאטן מיט דאקומענטאציע אריינגערעכנט געבורט, הייראט און טויט סערטיפיקאטן; דרייווער רעקארדס און אידענטיפיקאציע; און אפאסטיללע סערוויסעס. דער ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט וועט אויסניצן איר אייגענעם אפיס פלאץ אויף צוצושטעלן א רענט-לאזע אפיס ארט אויף אוועקצושטעלן דעם אפיס און העלפן פערטא-ריקאנער אין ניו יארק און ארומיגע סטעיטס באקומען די הילף וואס זיי דארפן האבן. אונטער אן אפמאך מיט NYSDOL, וועט PRFAA ניצן זייער אפיס ארט וואס געפונט זיך אויף 400 איסט פארדהעם ראוד אין די בראנקס.

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמיסיאנערין ראבערטא רירדאן האט געזאגט,** ״ניו יארק און פערטא ריקא האבן א לאנגע געשיכטע פון שטיצן איינער דעם אנדערן. צי עס רעדט זיך פון נאטורליכע דיזעסטערס אדער בויען בליענדער גרינע ענערגיע סעקטארן, וועלן מיר אלעמאל זיין גרייט צו העלפן איינער דעם אנדערן. איך בין שטאלץ אז NYSDOL קען צושטעלן אן אפיס צו די ׳פערטא-ריקאנע פעדעראלע אנגעלעגנהייטן אדמיניסטראציע׳ וואס וועט העכערן צוטריט צו סערוויסעס פאר טויזנטער פערטא-ריקאנער ניו יארקער.״

פאר מער אינפארמאציע אויף דעם נייעם אפיס, באזוכט http://www.prfaa.pr.gov/book.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418